**א גרוס פון די שטעטאלאך**

שווארצע וואלקנס זענען אנגעקומען,
און פארשטעלט פון זוהן די שיין,
און א טרויער האט ארומגענומען,
אט דער קליינער שטעטל מיין,

וואס געבליבן איז דער ליבער חדר,
א מאדערנע שולע איז דארט,
אין די שולן דאוועוענט מען כסדר,
נאר קיין יוגנט איז ניט דא,

און עס טראגט זיך איין הילכיגער געלעכטער,
פון די קלוגן טאג און נאכט,
און זיי די ערליכע זין און טעכטער,
פון דער השכלה אריינגענארט,

אלעס איז צינויפגעמישט צוזאמען,
אלעס טאנצט און זינגט מיט פרייד,
נישט איין טאטע נישט איין מאמע,
פון וועלכע געגאנגען יונגערהייט,

עס ברענט די הויז עס ברענט אויך די ישיבה,
אין יעדן הויז א גרויסער בראך,
מען רייסט קריעה און מען זיצט שבעה,
אויף קינדער וועלכע לעבן נאך,

**א גריס פון די שטעטאלאך, די ווינקאלאך די שיינינקע,**
א גריס אייך פון דער ליבער אלטער היים,
א גריס אייך פון די געסאלאך, די הייזאלאך די קליינינקע,
א גריס פון יעדן גערטנדל און בוים,

די ישיבאלאך פארלאזענע, די שכנדלאך פארשלאסענע,
די הייזער פול מיט טומל און מיט שרעק,
די הערצאלאך צוריסענע, די ליפאלאך צוביסענע,
די קינדער וועלכע זענען ווייט אוועק.

**ואהבת לרעך כמוך א מעשה'לע פון א סלאנימער חסיד**

1

איז א סלאנימ'ער חסיד געקומען צו גיין
און זיין רבי'ן גיט פארשטיין
א געשעפט מיט סחורה איז ביי איהם
שטענדיג אפן איז מיין טיר
אלע אידן קויפן ביי מיר
פרנסה האב איך פיין ברוך השם

אין געשעפט קום איך נעכטן מיר
און דערזע פונקט ביי מיין טיר
נאך א געשעפט מיט סחורה אן א שיעור
אן עהרלעכער איד אן עהרלעכע פרוי
און די סחורה פונקט גענוי
און עס האט פארדראסן מיר אזוי

איך ווייס גוט אז מיין גאנצע סחורה
באלאנגט אינגאנצן צו דעם בורא
און איך בין דאך אנגעשטעלט ביי איהם
און מיין געלט און מיין עשירות
דאס איז מער ניט ווי מיין שכירות
פאר מיין ארבעט צאלט מען אפ מיט דעם

בעט איך רבי גיט א ברכה
פאר מיר און פאר מיין משפחה
עס זאל אונז נישט פארדריסן, ניט זיין שווער
ווען אונזערע נייע שכנים
וועלן צונעמען אונזערע קונים
און אפילו לייזן פון מיר מער

דער רבי וואונשט איהם גליק
דער חסיד פארט צוריק

2

דער חסיד קומט אהיים צוריק
און זיין פנים שיינט פון גליק
דעם רבי'נס ברכה געהאלפן האט אסאך
קונים פעלן אלע טעג
די פרנסה גייט אוועק
און דער איד עס הארט איהם ניט קיין זאך

אבער טיף אין זיין געדאנק
עפעס טוט אביסל באנג
און ער האט געדאנקען אן א עק
דאס עס הארט אים נישט די זאך
מיינט איהם גארניט, זייער שוואך
און צום רבי'ן פארט ער גלייך אוועק

רבי איך האב אייער ברכה
און עס איז מיט גרויס הצלחה
איך בין דער גרעסטער גוטער פריינט מיט אים
איך מיין אבער איך בין ניט יוצא
און איך בעט אצינד אן עצה
דער רבי זאל מיר בענטשן נאך מיט דעם

אז ווען דער איד וועט עפעס לייזן
זאל ביי מיר אינגאנצן הייסן
פונקט ווי מען וואלט קומען צו מיין טיר
און איך זאל זיך מיט דעם פרייען
וואס צו איהם פיל קונים גייען
פונקט ווי מען וואלט קומען נאר צו מיר

דער רבי וואונשט איהם גליק
און דער חסיד פארט צוריק

3

עס האט נישט געדויערט לאנג
דער חסיד טוט נאך אלץ באנג
און צום רבי'ן לויפט ער הין און הער
פרייען זיך איז נישט קיין זאך

ער דארף זיך פרייען מער אסאך
וואס זיין שכן לייזט פון איהם פיל מער

דער רבי בענשט איהם שטילערהייט
דעם חסיד'ס הארץ איז פוהל מיט פרייד
עס פלעגט א קונה קומען צו זיין טיר
פלעגט ער זאגן גוטער פריינט
איך האב שוין געלייזט פאר היינט
גייט אריין צום שכן נעבן מיר

און אדורך א צוויי דריי יאהרן
זיין שכן איז דאך רייך געווארן
ארויסגעפארן אין א גרויסע שטאט
זיין געשעפט איבערגעגעבן
צו דעם חסיד וואס דערנעבן
פאר א קלייניגקייט פארקויפט איהם האט

עס איז געווען א שעת הכושר
און דער חסיד ווערט א עושר
און קיין צער שוין קיינמאל נישט געזען
צדקה אן א שיעור געגעבן
די רעכטע האנט געווען ביים רבי'ן
און אין הימל חשוב שטארק געווען

**דער צדיק וואו איז?**

**א מעשה'לע פון סאסאווער**

1

**אייליייעליוליו ליוליו, אייליייעליוליו ליוליו**
**זיצט זיך דער סאסוב'ער ביים קינדס וויגעלע,**
**אייליייעליוליו ליוליו**

איך האב געטאהן דא פארביי גיין
און דערהערט ס'האט א געוויין
איך קום אריין, איך קוק זיך איין, ליגט א קינד אליין

אין שוהל, איז פוהל, און שפעט איז שוין די שעה
און דארט, אויף זיין ארט, דער צדיק איז ניטא
דער טאג איז אוועק
א אומעט א פחד א שרעק
די אויגן ביי אלע מיט טרערעלאך פול
די ערטער זענען שוין אלע פארנומען אין שול
עס פעלט ניט קיין איד אין דער שפעטיגער שעה
נאר דער צדיק דער צדיק נישטא

2

**אייליייעליוליו ליוליו, אייליייעליוליו ליוליו**
**שטייט זיך דער סאסוב'ער ביים קינדס וויגעלע,**
**אייליייעליוליו ליוליו**

ווישט דער צדיק אפ א טרער
וויגט די וויג אהין אהער
שא מיין קינד, שלאף געשווינד, האב קיין מורא ניט

אין שול דיין מאמע אויסגעצירט
שטייט און בעט ביי דעם וואס היט
זאל היטן דיר, זאל היטן מיר, זאל היטן יעדן איד

אין שוהל איז פול, אין פענסטער איז שוין שווארץ
ווער ווייסט, ווער ווייסט, עס קלאפט אזוי די הארץ
וואס איז געשען
נאך קיינמאל אזוינס נישט געזען
קוקן די אויגן צום הימל מיט שרעק
דער צדיק דער צדיק וואו איז ער אוועק
שווימט אויפן הימל א ווייסינקער רויך
אפשר איז ער אין דער הויך

3

**אייליייעליוליו ליוליו, אייליייעליוליו ליוליו**
**שטייט דער סאסוב'ער ביים קינדס וויגעלע,**
**אייליייעליוליו ליוליו**

קוק מיין קינד א ווייסער רויך
ברענגט מלאכים פון דער הויך
און מען זינגט, און מען ווינקט, און מען קוועלט אזוי

זע ווי שפעט איז שוין די נאכט
און דער גאנצער הימל ווארט
דו זאלסט זיין שיין, און איך זאל גיין, הערן כל נדרי

דער צדיק וויל גיין, מאכט דאס קינד א געוויין
נישט וויין נישט וויין, איך וועל דיר ניט לאזן אליין
גיט זיך דער צדיק א דריי
און צום הימל ער גיט א געשריי
ווי קאן מען א קינד לאזן ווינען אליין
באשעפער הער אויס דיינע קינדערס געוויין
געלאזן אויף הפקר צו שאנד און צו שפאט
מען טאר נישט פארלאזן זיי ג-ט.

**נאך גארניט געלערנט**

**א מעשה'לע פון ר' אהרן הגדול**

1

ר' אהרן הגדול האט זיך אויפגעכאפט
פון ליכטיגן דביקות ארויס
עמעצער האט פלוצלינג שטיל אנגעקלאפט
אין פענסטער ביי איהם אין זיין הויז

ער הויבט אויף זיין קאפ פון דעם ספר און רעדט
שטילערהייט פונקט ווי צו זיך
ווער קלאפט עס אין פענסטער ביינאכט אזוי שפעט?
ענטפערט איהם עמעצער איך

ר' אהרן לאזט ווידער ארונטער זיין קאפ
ווארפט אויפן ספר די אויגן אראפ
און שווימט זיך אוועק אין דעם ליכטיגן הייליגן ווייטן אין סוף
א לעבן וואס עס איז נישט וואך, און עס איז ניט אין שלאף

2

ווידער האט עמעצער שטיל אנגעקלאפט
אין פענסטער ביי איהם אין זיין הויז
ווידער האט ער זיך געשווינד אויפגעכאפט
ווידער פון דביקות ארויס

ווידער ער הויבט אויף זיין קאפ און ער רעדט
שטילערהייט פונקט ווי צו זיך
ווער קלאפט עס אין פענסטער ביינאכט אזוי שפעט
ענטפערט איהם עמעצער איך

ר' אהרן לאזט ווידער ארונטער זיין קאפ
ווידער ער לאזט זיינע אויגן אראפ
און ווידער ער שווימט זיך אוועק אין דעם ליכטיגן הייליגן
ווייטן אין סוף
א לעבן וואס עס איז נישט וואך, און עס איז ניט אין
שלאף

3

ליגט אינדרויסן א פינסטערע נאכט
פון איין פענסטער זעט מען א שיין
עמעצער שטייט ביי דעם פענסטער און ווארט
ר' אהרן לאזט איהם ניט אריין

ער קלאפט און ער קלאפט און ר' אהרן פרעגט ווער
און מען ענטפערט שטענדיג איהם, איך
ר' אהרן גיט זיך נישט אפילו קיין קער
און ווערט גלייך פארנומען מיט זיך

שווער איז פארשטיין וואס דער צדיק עס טראכט
וואס ארבעט אויף חסד בייטאג און ביינאכט
און האט דאך פיל צענדליגער טויזנטער גרויסע בעלי
תשובות געמאכט
זאל לאזן א איד שטיין אליין אין דער פינסטערער נאכט

4

פלוצלינג עס גיט זיך ר' אהרן א וועק
און צום פענסטער גייט ער צו גיך
ווער קלאפט עס דארטן גיט ער א פרעג
ענטפערט איהם עמעצער, איך

ווער איז דער איך, פרעגט ר' אהרן ביי איהם
זאגט עס איהם אויס יענער זיין שם
מיר זיינען ביים מגיד געזעצן ניט לאנג
חברים געווען אויף איין באנק

איך פאר שוין אהיים פון דעם מגיד צוריק
און וויל נאר אריינגיין צו דיר אויף א בליק
איך וויל אז דו זאלסט מיר היינט ווינטשן הצלחה אין
לעבן און גליק
איידער איך קער זיך באלד אום אין מיין שטעטל צוריק

5

זאגט איהם ר' אהרן אזוי שטילערהייט
עס איז מיר באמת א פרייד
דו פארסט שוין אהיים הער איך פון דיינע רייד
איך מיין אבער, דו ביזט ניט גרייט

איך פרעג דיר ווער קלאפט, און דו ענטפערסט מיר איך
זאג צו דו ביזט געווען גערעכט
ווי קאן עס א מענטש זאגן אזוי אויף זיך
צו האסט עס ביים מגיד געהערט

מיר האבן געלערנט קיין איך איז ניטא
נאר איין אנכי אין הימל איז דא
און דער וואס עס האלט זיך אז ער איז א איד און איז
ווערט עפעס פאַרט
קאן דער באשעפער נישט וואוינען מיט איהם אויף איין
ארט

א קרעכץ האט זיך אונטערן פענסטער דערהערט
יע, זאגט דער איד דארטן, אהרן ביזט גערעכט
איך האב זיך נאך גארניט געלערנט ביים מגיד און
גארניט געהערט
און ער האט זיך תיכף צום מגיד צוריק אומגעקערט

**א פשט פון דעם ווילנא'ער גאון**

געווען א איד ר' שלמה'לע, געלעבט א פיינעם לעבן
געהאט א פרוי מיט קינדערלאך, א פולע הויז כמעט
געהאט האט ער א בהמה'לע, וואס האט איהם מילך
געגעבן
און די מילך האט ער פארקויפט, פרנסה פיל געהאט

אין דער מילך פלעגט ער אבער, וואסער אריינגיסן
צום ערשט א גלאז און שפעטער מער, און שפעטער
גאנצע צען
און דער עולם האט געקויפט, און פלעגט גארניט וויסן
און די מילך האט מען געלויבט, נאך קיינמאל נישט געזען

שלמה'ס מילך איז דאך א מחיה
אזא מילך נישטא נאך אויף דער וועלט
איין פלעשעל, צוויי פלעשעל, דריי פלעשעל, פיהר
פלעשעל
מענטשן קויפן טרינקען און א שיעור
פינפערלאך, צענערלאך, צוואנציגער, הונדערטער
איז דער איד געווארן א גביר

2

געקומען אויף דער עלטער איז, דער אלטער פאנגט אן צו
רעדן
שוואך געווארן שוין די פיס, און עס ווארפט אין קעלט
זאגט די אלטע ס'איז שוין שפעט, מען רופט שוין אין גן
עדן
נאר אריינלאזן וועט ווער, אפגע'נאר'ט א וועלט

צום ווילנא'ער גאון זענען זיי געקומען
און זיי וויינען און דערציילן אויס
איין פלעשעל, צוויי פלעשעל, דריי פלעשעל, וואסער
בלויז
און די מילך האט מען געמישט דורכאויס
פינפערלאך, צענערלאך, הונדערטער, גאנצע פעק
אז מען קען נישט מיטנעמען אין וועג

3

זאגט דער ווילנא'ער גאון פריינט, איר דארפט גארניט קלערן
הערט אויף גיסן וואסער היינט, און ג-ט וועט מוחל זיין
די פארעל האט געטאהן פארשטיין, און געטאהן איהם הערן
וואסער נישט געגאסן מיין, פארקויפט די מילך גאנץ ריין

נאר דער עולם האט זיך גענומען קרימען
און מען שרייט ס'איז וואסערדיגע מילך
פיהר פלעשעל, דריי פלעשעל, צוויי פלעשעל, איין פלעשעל
אין דעם מילך איז וואסער פיל אריין
הונדערטער, צוואנציגער, צענערלאך, פינפערלאך
געווארן איז דער איד אן ארימאן

4

און דאס אידעלע איז באלד, צום גאון צוריקגעפארן
און ער שרייט אויס רבי געוואלד, ס'איז א צודרייטע וועלט
גיב איך וואסערדיגע מילך, איז'ס צוכאפט געווארן
ווען איך גיב זיי ריינע מילך, קיינעם ניט געפעלט

זאגט דער ווילנא'ער גאון גערעכט, איך וועל אייך אלץ ערקלערן
מסחר מאכט מען אויף דער ערד, דער חשבון איז אין דער הויך
יעדע סחורה שרייבט מען אן, וויפיל געלט זאל פון דעם ווערן
און סחורה מיינט מען אמת'ע, און אמת'ע געלט אויך

ווען דו האסט פאלשע מילך געגעבן
האט מען געדארפט צאלן פאר דעם מיט פאלשע געלט
איז איין פלעשעל, צוויי פלעשעל, דריי פלעשעל, פיהר פלעשעל
פאלשע געלט פארהאן איז אן א שיעור
איז פינפערלאך, צענערלאך, צוואנציגער, הונדערטער
דערפאר ביזטו געווארן א גביר

אז דו האסט ריינע מילך געגעבן
האט מען געדארפט צאלן אמת ריינע געלט
איז פיהר פלעשעל, דריי פלעשעל, צוויי פלעשעל, איין פלעשעל
ריינע געלט איז זייער ווייניג דא
איז הונדערטער, צוואנציגער, צענערלאך, פינפערלאך
ריינע געלט איז היינט קיין סאך ניטא

**אין בית המקדש**

אין בית המקדש, אין בית המקדש, דער "כהן גדול" שטייט, און פון גאלד די קלייד, די כלי זמרים קלינגען, די לויים זינגען, מזמור לתודה...

אין בית המקדש, אין בית המקדש, דער "ארון" שטייט, א וואלקן אויסגעשפרייט, די כלי זמרים קלינגען, די לויים זינגען, מזמור לתודה...

אין בית המקדש, אין בית המקדש, דער "שלחן" שטייט, און אויף אים די ברויט, די כלי זמרים קלינגען, די לויים זינגען, מזמור לתודה...

אין בית המקדש, אין בית המקדש, די "מנורה" שטייט, ליכטיגקייט פארשפרייט, די כלי זמרים קלינגען, די לויים זינגען, מזמור לתודה...

אין בית המקדש, אין בית המקדש, דער "מזבח" שטייט, און א רויך עס גייט, די כלי זמרים קלינגען, די לויים זינגען, מזמור לתודה...

אין בית המקדש, אין בית המקדש, א "בעל תשובה" שטייט, און זיין הארץ צוגייט, די כלי זמרים קלינגען, די לויים זינגען, מזמור לתודה...

אין בית המקדש, אין בית המקדש, אויפן הימל שטייט, א "בית המקדש" גרייט, כלי זמרים וועלן קלינגען, לויים וועלן זינגען, מזמור לתודה...

*אין בית המקדש!*

**איש חסיד א מעשה'לע פון סידור**

הערט א מעשה איך וועל אייך דערציילן
פון א איד א חסיד'ל א וואוילן
און ער האט געליטן נויט, ניט געהאט קיין שטיקל ברויט
קינדער אויסגעדארטע ביין און הויט

זאגט זיין פרוי איך קאן שוין מער נישט ווארטן
מען דארף עפעס אנפאנגען צו טראכטן
דו האסט געלערנט טאג און נאכט, ביים גמרא נאר פארבראכט
קיין פרנסה האסטו נישט געמאכט

היינט איז דער יריד פון אלע יארן
קומען וועלן מענטשן פיל צופארן
און אויף יעדן ארט, פארקויפן וועט מען דארט
אלע מינים סחורות פון דער וועלט

אפשר טאקע וואלט געווען א סברא
אז דו זאלסט פארמאכן דער גמרא
און ארויס אין מאַרק, און זוכן דארט שטארק
אפשר וועסטו ברענגען עפעס געלט

און דער איד האט זיך אביסאלע פארטראכט
דער גמרא האט ער נעבעך צוגעמאכט
זיין ווייבל איז ארויס, אין דעם שכנ'ס הויז
רייכע קליידער איהם געבראכט

און דער איד ער האט די קליידער אנגעטאן
א צילענדער מיט א הוט ווי רייכע טוען אן
אויפן בויך אין דער ברייט, א זייגער מיט א קייט
ווי דער פריץ גייט

און ביי איהם אין טאש ניטא קיין גראשן
און ער קאן נישט אויף דעם פרעמדן לשון
ער האט ניט וואס פארקויפן, ער האט ניט וואס צו קויפן
ער האט בטחון נאר אליין

און אין הויז עס זיצן פרוי און קינדער
בעטן ביים באשעפער באווייז א וואונדער
דער טאטע זאל צוריק, אהיים קומען מיט גליק
און זאל ברענגען עפעס געלט

2

און דער איד ארויס איז אינדרויסן
און אריין אין טומל אין דעם גרויסן
איינער גייט און איינער לויפט, איינער קויפט אדער פארקויפט
און ארום איז אלעס ווי צעשרויפט

פלוצלינג ווערט שטארק ליכטיג אויף די וועגן
ער זעהט אליהו הנביא קומט אנטקעגן
א פייער ברענט אויף די ווענט, באלויכט דעם פנים מיט די הענט
גייען מענטשן קיינער נישט דערקענט

זאגט אליהו הנביא עס איז שוין א יושר
אז דו זאלסט דאך ווערן א גרויסער עושר
איך וועל זיין דיין קנעכט, פון א גרויסן ווערט
און דו וועסט מיר פארקויפן פאר א קנעכט

דער איד ער קאן קיין עצה זיך נישט געבן
ווי אזוי פארקויפט מען דעם גרויסן רבי'ן
נאר אז דער באשעפער וויל, און דאס איז די ציל
און וואס מען זאל נישט טון איז ער גערעכט

דער חסיד האט אליהו'ן אין מארק אוועקגעשטעלט
און שרייט ווער קויפט א קנעכט איינער אין דער וועלט
אלעס קאן ער טאן, וואס איר ווילט ער קאן
קומען סוחרים קוקען אָן

געקומען איז א סוחר א גרויסער מיליאָנער
א קוק געטון דעם קנעכט און ניט גערעדט שוין מער
דעם איד האט ער באצאלט, וויפיהל ער האט געוואלט
צען טויזנט שטיקער גאלד

דער סוחר זאגט צום קנעכט מיר אלע ווייסן
אז דו קאנסט דאך טון וואס מען וועט דיר הייסן
בוי זשע מיר דא אויס, א קעניגליכן הויז
און איך וועל דיר ארויסלאזן באלד

און זיי זיינען אויפן ארט געקומען
צו דער ארבעט האט מען זיך גענומען
ארבעטער א סאך, מען ארבעט אין דער זאך
און ביז צום ענדע ווייט מען האלט

3

און אינמיטן נאכט האט עס געטראפן
אלע זיינען שוין פון לאנג געשלאפן
אליהו טוט זיך שטיין, און איז מתפלל מיט געוויין
און ער בעט ביים אייבערשטן אליין

צוליב דיין כבוד בין איך דא געגאנגען
און די מענטשן האבן מיר געפאנגען
האב רחמנות העלף מיר אויס, שיק מלאכים גלייך ארויס
זיי זאלן העלפן פארטיג מאכן די הויז

און פון הימל האבן גלייך גענומען
צענדליגער מלאכים אראפ צו קומען
און אלע האבן זיך, גענומען בויען גיך
די הויז פערטיג געמאכט ביז טאג

דער סוחר האט א נאכט גארניט געשלאפן
ווי געווארן טאג איז ער גלייך געלאפן
דערזעהן דעם פאלאץ שטייט, פערטיג און גרייט
און באפרייט דעם קנעכט ווי ער האט געזאגט

אליהו הנביא האט זיך ארויסגעצויגן
און פאר אלע מענטשן אין די אויגן
זיך אויפגעהויבן הויך, ווי א דינער רויך
צו דעם הימל אוועקגעפלויגן

שטייען אלע מענטשן און קוקען אויבן
און די אויגן קאנען זיי נישט גלויבן
נאך קיינמאל ניט געזען, נאך קיינמאל ניט געווען
אין וועמענס זכות איז עס געשען

און ביי זיך אין הויז ביי דער גמרא
זיצט זיך דער חסיד'ל ווי א שררה
און אין הויז איז פיל, אלעס וואס מען וויל
מיט אלע גוטע זאכן פון דער וועלט

זינגט דער חסיד'ל ווער ס'לערנט תורה
דער האט קיינמאל פאר קיין זאך ניט מורא
ווייל אליין אויף איהם, אכטונג גיט השם
און גיט איהם אלעס וואס איהם פעלט

**אמונת צדיקים**

**א מעשה'לע פון ר' פייוועלע גריצער**

אין שטעטל איז א שמחה א פרייד געווארן
דער הייליגער רבי איז געקומען צו פארן
א טומל ביי חסידים א געשריי
יעדער שטייט אין ריי

יעדער איינער וויל וואס גיכער געבן
שלום עליכם דעם הייליגן רבי'ן
שטייט מען און ווארט מען אין דער ריי
שעה'ן לאנג אזוי

שטייט א חסיד אינמיטן
פון רבי'נס שענסטע אידן
אן דעם רבי'ן גיט זיך נישט קיין ריר
גלויבט אין איהם אן א שיעור

דער רבי האט א כח פערמאגן
אז אלץ וואס ער טוט זאגן
יעדער וואונק און יעדער ווארט
מקויים ווערט אויפן ארט

ווייל אמונה פשוטה, איז אן עצה א גוטע
אלעס וואס איר ווילט, אלעס וואס איר צילט

מקויים זיין עס קאן
איר דארפט מער ניט ווי גלויבן, אז אלץ קומט פון אויבן
פון באשעפער אין דער הויך, און דער רבי אויך
אלעס קאן ער טון

2

שטייט זיך דער איד און טוט זיך טראכטן
צו איז עס אן אמת, צו עס טוט זיך איהם דאכטן
פאר אים אין ריי, זעט ער אזוי
שטייט א באקאנטער גוי

א גרויסער מסור א שונא פון אידן
די גאנצע שטאט טוט זיך פאר איהם היטן
שוין פיל אידן פון דער שטאט
אומגעבראכט ער האט

וואס קען ער דא וועלן
פארוואס טוט ער זיך שטעלן
אפשר דער גוי תשובה טוט
און וויל שוין ווערן גוט

ער זעט דער גוי גייט צו צום רבי'ן
די האנט טוט ער איהם געבן
און האט א שפיי געטאן אין רבי'נס האנט
און רוהיג אוועק געשפאנט

דעם רבי'ן טוט עס נישט רירן
פונקט ווי עס זאל גארניט שפירן
נאר שטילערהייט ער זאגט אזוי
פארכאפט זאל ווערן דער גוי

ווייל אמונה פשוטה, איז אן עצה א גוטע
אלעס וואס איר ווילט, אלעס וואס איר צילט
מקויים זיין עס קאן
איר דארפט מער ניט ווי גלויבן, אז אלץ קומט פון אויבן
פון באשעפער אין דער הויך, און דער רבי אויך
אלעס קאן ער טון

3

דער חסיד לויפט אהיים אינגאנצן זיכער
אידענע זאגט ער גיב מיר עסן גיכער
איך וויל לויפן שנעל און זען ווי אזוי
עס ווערט פארכאפט דער גוי

ער לויפט צום גוי און זעט פון ווייטן
די הויז איז ארומגערינגלט פון אלע זייטן
און הערט פון הויז א גרויסער געוויין
דער גוי ליגט אויף דער ערד ווי א שטיין

ער לויפט שנעל צום רבי'ן
די נייעס איבער צו געבן
הערט אידן וואס עס איז געשען
וואס איך האב אליין געזען

אלע אידן הערן
דערשראקן אלע ווערן
נאר פלוצלינג גייט דער רבי ארויס
און הערט די מעשה אויס

און רופט זיך אן קינדער
א נס איז געשען אצינדער
נאר איך האב אין דעם קיין חלק ניט
נאר ער אליין דער איד

ווייל אמונה פשוטה, איז א מדה א גוטע
ווייל איך האב דעם גוי, וואס האט געטאן אזוי באלד מוחל געווען
נאר דעם אידנס אמונה, האט געבראכט דעם גוי א מיתה משונה
ווייל דער איד גלויבט און ווייסט, אז אלעס וואס איך הייס מוז אזוי געשען

---

און מיט דעם שכל קען מען אויך דערזען דעם סיפור
וואס איז ביים ייטב לב זכר צדיק לברכה געשען
צום ייטב לב זכר צדיק לברכה איז געקומען א איד בעטן א ישועה
און דערציילט אז ער איז א סוחר פון תבואה
און די גאנצע תבואה איז געווארן פארשטויבט מיט אזא אופן
אז קיין איין גוי וועט עס נישט וועלן קויפן
און מען דארף ווי פריער אויסבלאזן
וואס? זאגט דער ייטב לב, דער באשעפער וועט דיר נישט פארלאזן
אז מען דארף אויסבלאזן וועט מען אויסבלאזן
און ער האט גענומען א שופר און געבלאזן
נאכהער זאגט ער צום אידן פאר געזונטערהייט
דער גוי וועט שוין קויפן די תבואה בלינדערהייט
דער איד איז אוועקגעפארן מיט פרייד
ער איז זיכער אז דער גוי וועט קויפן די תבואה בלינדערהייט
ער קומט אין הויז ער זעט די תבואה
האט געהאט א גרויסע רפואה
ער נעמט אביסל גייט אוועק צום גוי
און דער ווערט נתפעל אזוי
אז ער שרייבט גלייך אונטער א קאנטראקט געשווינד
און פלוצלינג אויפאמאל איז ער געווארן בלינד
און באמת האט דער רבי נישט געוואלט שעלטן דעם גוי וואס ניט ער קאן
און ניט ער האט א אידן שלעכטס געטאן
נאר ער האט געזאגט א ווערטל אויף דער מסחר'ישער שפראך
וואס בלינדערהייט מיינט אז מען קויפט עפעס נאך איידער מען זעט די זאך
אבער דער איד איז אזא מאמין געווען
אז אלץ וואס דער רבי זאגט מוז געשען
אז דער רבי האט געזאגט בלינדערהייט מוז דער גוי אויפהערן זען
ווייל אז א צדיק זאגט אפילו א וויץ א גלייכווארט
מוז עס מקויים ווערן אויפן ארט

## אני מאמין

אני מאמין איך גלויב אין דעם
אז דער בורא געבענטשט זאל זיין זיין שם
ער האט באשאפן אלע זאכען
און וואס עס געשעהט, טוט ער עס מאכען
און ער אליין ער פירט דאך אן מיט דעם

ער איז געווען און ער איז
און אונזער האר וועט אייביג זיין
אזוי ווי ער איז נישטא נאך איינער
פאר איהם און נאך איהם, עס איז נישטא קיינער
און נאר צו איהם דארף מען מתפלל זיין

**און אז מען הערט אט די זיסע רייד**
**און מען דערהערט און מען פארשטייט**
**פון דעם ווערט אין הארצן א פרייד**
**און עס זינגט זיך וואו מען שטייט און גייט**

**מיר דאנקן און לויבן, פאר אונזער גלויבן**
**דעם באשעפער פון אויבן, וואס גייט מיט אונז און היט**
**און האט אונז געגעבן, א גליקליכען לעבן**
**און האט אונז געלערנט, ווי אזוי צו זיין א איד**

2

אני מאמין איך גלויב וואס עס שטייט
אז אמת זענען די נביאים'ס רייד
און משה רבינו איז זייער פאטער
און אונז די תורה געגעבן האט ער
און קיינמאל אנדערש וועט נישט זיין די רייד

און ער זעהט און ער הערט
וואס יעדער איינער טוט און קלערט
די וואס טוען מצוות, וועט ער באלוינען
די וואס טוען ניט וועט ער נישט שוינען
און זיין משפט איז דאך שטענדיג גערעכט

אני מאמין איך גלויב אין גליק
וואס מיין מאמע האט מיר דערציילט אין וויג
אז משיח קומען וועט אין פלאמען
און וועט אונז פירן איבער ימ'ן
און דוקא אויף א פאפירענעם בריק

און מען וועט זעהן מיט גרויס פרייד
ווי דער עלטער זיידע גייט
ארויסגעקומען פון גן עדן
און מיר וועלן מיט איהם רעדן
און טרערן וועלן רינען אזש פון פרייד

**און אז מען הערט אט די זיסע רייד**
**און מען דערהערט און מען פארשטייט**
**פון דעם ווערט אין הארצן א פרייד**
**און עס זינגט זיך וואו מען שטייט און גייט**

**מיר דאנקן און לויבן, פאר אונזער גלויבן**
**דעם באשעפער פון אויבן, וואס גייט מיט אונז און היט**
**און האט אונז געגעבן, א גליקליכען לעבן**
**און האט אונז געלערנט, ווי אזוי צו זיין א איד**

**און כאטש ער באהאלט זיך, און כאטש ער פארשטעלט זיך**
**זעהט מען איהם אויף יעדן טריט און שריט**

## דאס בלעטעלע

שטייט א בוים אין מיטן וועג
מיט די צווייגן ארויסגעשטעקט
און א בלעטעלע רייסט זיך אפ
און עס פאלט אראפ

גייט א צדיק אויפן וועג
און דאס בלעטעלע גיט א פרעג
פארוואס ביסטו פון בוים אוועק
און ליגסט אין מיטן וועג

זאגט דאס בלעטעלע איך ווייס נישט וואס
איך בין נישט דער בעלעבאס
מיין צווייג האט פלוצלינג זיך צעבלאזט
און איך האב געבלאזט

צווייגל צווייגעלע בעלעבאס
אפשר זאגסטו מיר פארוואס
דו האסט פלוצלינג זיך צעוויגט
און דאס בלעטל ארפגעפליגט

זאגט דאס צווייגעלע איך ווייס נישט וואס
איך בין נישט דער בעלעבאס
דער ווינט האט פלוצלינג זיך צעבלאזט
און דאס בלעטל אראפגעלאזט

זאגט דער ווינט איך ווייס נישט וואס
איך בין נישט דער בעלעבאס
מיין מלאך האט מיר ארויסגעלאזט
און איך האב געבלאזט

מלאך מלאכ'ל בעלעבאס
אפשר זאגסטו מיר פארוואס
דו האסט דער ווינט ארויסגעלאזט
און ער האט געבלאזט

זאגט דער מלאך איך ווייס נישט וואס
איך בין נישט דער בעלעבאס
דער באשעפער פון דער וועלט
האט מיר אזוי באפעלט

באשעפער גרויסער בעלעבאס
אפשר זאגסטו מיר פארוואס
א קליין בלעטעלע רייסט זיך אפ
און עס פאלט אראפ

און דער באשעפער ער אליין
גיט דעם צדיק צו פארשטיין
הויב דאס בלעטעטלע אויף פון ארט
און א קוק גיב דארט

דארט ליגט א ווארימל דאר און קליין
האט נישט קיינעם גאנץ אליין
האט ער געבעטן באשעפער באשיץ
איך האלט נישט אויס די היץ

האב איך דעם מלאך גלייך געזאגט
הא ער דעם ווינט ארויסגעיאגט
האט ער דאס צווייגעלע צובלאזט
און די בלעטל אראפגעלאזט
מיטן ווארימל אויפן פעלד
און פאר אים די זון פארשטעלט
און דער קליינער ווארימל איז
איינגעשלאפן זיס.

**א מעשה פון בארדיטשוב'ער צדיק**

ערב יום כיפור פארנאכט, דער עולם עס ווארט
ביים טיר פון בארדיטשוב'ער רבי'ן
יעדער עס שטייט, און געלט האלט ער גרייט
א פדיון נפש צו געבן

דער רבי האט קלאר, געזאגט אז דאס יאר
דורכלאזן וועט ער נישט קיינעם
ער לאזט נישט אראפ, א רובל א קאפ
מוז ער נעמען היינט ביי יעדן איינעם

א זקן גאר אלט, אפילו א קינד
א רובל מוז יעדערער געבן
דער רבי וועט באלד אפווישען די זינד
פארשרייבן אין ספר פון לעבן

א פחד א שרעק, אין היינטיגע טעג
די גרויסע הוצאות אצינדער
ווי אזוי קאן, אזא זאך צו טאן
א משפחה מיט צען צוועלעף קינדער

נאר יעדער עס ווייסט, אז דער רבי הייסט
קיינער וועט איהם נישט אפזאגן
מען קרעכצט און מען זארגט, מען לייט און מען בארגט
מען ברענגט צום דעם רבי'ן צו טראגן

2

ביים טיש אויף זיין ארט, דער רבי זיצט דארט
און נעמט אויף דעם עולם צופרידן
א שיסל געשטעלט, איז פול שוין מיט געלט
א רשימה ליגט פון אלע אידן

עס עפנט זיך די טיר, א פרוי שטייט אין איר
ארעם אזוי אפגעריסן
געקומען אצינד, מיט איר פיצעלע קינד
און וויל אז דער רבי זאל וויסן

אן אלמנה אליין, דאס קינד איז נאך קליין
שטענדיג מוז זיין מיט דער מאמען
דאס לעבן איז שווער, זי האט דאך ניט מער
ווי א רובל פארביידן צוזאמען

זי לויפט שנעל און זי שרייט, גיט אדער לייט
דער עולם עס העלפט איר אויס גערן
פון גראשנס נישט מער, איז זייער שווער
א רובל עס זאל פון דעם ווערן

3

די גאסן שוין פול, מען גייט שוין אין שול
אלעס האט זי אפגעלאזן
זי לויפט מיטן קינד, צום רבי'ן געשווינד
די טיר זאל נאך ניט זיין פארשלאסן

עס איז שוין באלד ביינאכט, דער רבי ער ווארט
פונקט ווי אינגאנצן פארגעסן
די רביצין שרייט געוואלד, דאס עסן ווערט קאלט
מען וועט באלד ניט טארן שוין עסן

עס עפנט זיך די טיר, עס בלייבט שטיין אין איר
די פרוי מיט צושראקענע בליקן
רבי גלויבט מיר, איך האב געזוכט אן א שיעור
קיין רובל האב איך ניט געקראגן

דער רבי שרייט ניין, אזוי קאן ניט גיין
נאר דיר אליין וועל איך פארשרייבן
דיין קליינטשינקע קינד, האט ניט קיין זינד
נישט קשה עס מעג איבערבלייבן

א פחד א שרעק, די פרוי פאלט אוועק
ניט זיין מיט איר ברעקל צוזאמען
זי שרייט רבי ניין, מיט א גרויסן געוויין
איר פילט נישט די הארץ פון א מאמען

איהר ווייסט רבי הערט, וואס איך האב באקלערט
דעם רובל וועל איך אייך דא געבן
און נעמט גלייך געשווינד, שרייבט אריין מיין קינד
פאר מיר איז שוין אלץ איינס מיין לעבן

דער רבי ער שפרינגט אויף, די קאפ אויף ארויף
אויף די רייד געטאן האט ער ווארטן
באשעפער נאר הער, מען דארף שוין נישט מער
עס איז שוין נישטא וואס צו טראכטן

האסט געזען אצינד, ווי א מאמע פאר איהר קינד
האט איהר לעבן געגעבן אצינדער
דיין פאלק איז דיין קינד, בעט'ך דיר אצינד
האב רחמנות ווי א מאמע אויף אירע קינדער

**דער ברית**

**(דערציילט פון ר' בצלאל דער מאסקווער מוהל, די געשיכטע וואס איז געשעהן מיט איהם אליין)**

די נאכט איז געקומען דער טאג איז אוועק
די גאסן פון מאסקווע אין פחד און שרעק
די טויערן זיינען פארשטעלט מיט סאלדאטן מען לאזט
ניט אריין ניט ארויס

מען זוכט דארט א גרויסן פארברעכער אין ווינקאלאך פון יעדן הויז

ר' בצלאל דער מוהל ער זיצט און ער ווארט
די ליכט איז פארלאשן די טיר איז פארשפארט
די קינדארלאך שווייגן זיי וייסן שוין אז די סאלדאטן
ברענגען נישט קיין גליק
נאר כאפן צו טאטעס און קינדער וואס קומען קיינמאל נישט צוריק

פלוצלינג דערהערט מען א טומל אין הויף
מען הערט די סאלדאטן מארשירן ארויף
מען קלאפט און ער לאזט זיי אריין און זיי הייבן אן זוכן ביי איהם אזוי לאנג
ביז זיי געפינען א קליינינקע שאכטעלע אונטערן שאנק

מיר האבן געפונען זאגט דער קאמאנדיר
די הענט אין דער הויך זיך נישט גיבן קיין ריר
די שאכטל ליגט אפן פריי פאר די סאלדאטן און זיי באטראכטן מיט פרייד
א שטיקעלע וואטע, א שערל, א קליינינקן חלף אין שייד

א געפאנצערטע קאר פליט אין גאסן געשווינד
ר' בצלאל זאגט ווידוי ער וויינט ווי א קינד
די הענט מיט א קייט פעסט אויף הונטן געבונדען א שווערע זאך איבערן קאפ
און די קאר לויפט אָן אַן אויפהער און שרייט און זי שטעלט זיך נישט אפ

און פלוצלינג מען שטעלט זיך מען נעמט אים ארויס
מען פירט איהם ארויף ערגעץ הויך אין א הויז
מען בינדט אפ די הענט און מען דעקט אויף זיין פנים און עס באווייזט זיך פאר אים
רעכטס א מזוזה א גרויסע אנטקעגן די בילד פון בעל שם

אויפן טיש א מנורה עס ברענען פיל ליכט
א איד מיט א בארד מיט א שיינעם געזיכט
שלום עליכם זאגט ער דעם איד און ער שמייכלט צו אים מיט א פרייד
האט נישט קיין מורא בארואיגט אייך זעצט אייך און הערט וואס איך רעד

איך בין געוועזן אין שטאט דא א רב
און דערפאר האט געקומט מיר א ביטערער סוף
האט דער באשעפער געהאלפן מיין זון איז געווארן א פירער א גרויסער אין לאנד
און האט מיך באהאלטן ביי אים דא אין וואוינונג פארשטעלט פאר א וואנט

ווען מיין שנור האט געבוירן א זון
האב איך געזאגט איך וויל נישט וויסן דערפון
איך וויל עס נישט האלטן נישט גלעטן נישט דרוקן אפילו נישט אנקוקן ביז
מען וועט מיר ברענגן אן ערליכן מוהל און מאכן א ברית

ווען איר קומט אליין וואלט מען חושד געווען
מען האט געמוזט מאכן מען זאל אייך ניט זען
נאט אייך די שאכטל נעמט אייך די כלים זאל זיין אין א מזל'דיגע שעה
איך וועל זיין סנדק, טאטע מאמע די קוואטער, דאס קינד ברענגט ברוך הבא!

דער מוהל דאס קינד האט גע'מל"עט מיט גליק
דער זיידע האט ליב עס צום הארצן געדרוקט
און שרייט אויס רבונו של עולם די מצוה פון פדיון שבויים איז גרויס
ס'א תינוק שנשבה מיר קאָנען נישט אויסלייזן דו לייז אים אויס

א געפאנצערטע קאר פליט אין גאסן צוריק
ר' בצלאל ער זיצט דארט פאר'שיכור'ט פון גליק
ארום אים עס ליגן פיל פעקלעך מתנות אהיים דער משפחה געפירט
די קאר האט געטריבן א מענטש מיט א גוטע מאסקירטן געזיכט

און ער האט אים אריינגעפירט שטיל אין זיין הויף
געהאלפן די פעקלאך צו טראגן ארויף
און דאנקט אים און בעט זיך מיר האבן אייך ווי געטאן האט קיין פאראיבל ניט
אז דער זיידע איז א איד און דער טאטע א איד מוז דער אייניקל זיין א איד

איך האב מיין לעבן געשטעלט אין געפאר
און איך האב געטאן עס מער ניט דערפאר
ווייל איך האב ביינאכט היינט געזען אז ס'איז דא א באשעפער וואס פירט אן און היט
אז דער זיידע איז א איד און דער טאטע א איד מוז דער אייניקל זיין א איד

**דער גענעראל**

א גליקליכע נאַכט,
זיך געענדיקט די לעצטע שלאַכט.
בערלין איז באפרייט,
צוקלאפט איז דער שונא,
אין שטאט איז א נייע מאכט.

ראקעטן, מוזיק,
פארן טאנקען און אהין און צוריק.
און גאר פרעמעדע מענטשען דריקן די הענט זיך,
און וויינען אזאש פון גליק.

אין דעם קעניגליכן זאַל,
קומט איצט פאר א גרויסער באַל.
עס פֿאַרברייינגען זיך צוזאַמען,
גרויסע פֿירער פֿון איבעראַל.

אַמעריקאַנער גענעראַל,
מיט אַ רוסישן מאַרשאַל.
א פראנצייזישער מיניסטער,
מיט דעם ענגלישן אַדמיראַל.

און אויך אויפן זאל,
אונטער בליקן פון איבעראל.
אין שענסטן באלקאנע זיצט דארטן "איינזאן,"
א רוסישער גענעראל.

דער העלד פון בערלין,
דער באפרייער פון פראג און ווין.
ער הערט אין דעם זאל געשרייען פון כבוד,
און גיט נישט קיין בליק אהין.

אַ סטאַטויע קוקט אים אָן,
פֿון דעם גרויסן נאפוליאן.
א שטיק שטיין מיט קאַלטע אויגן,
קאן נישט רעדן און קאן גאר נישט טאָן.

ס'איז אמאל געווען א העלד,
האט געראשט מיט אים די וועלט.
פון דעם העלד וואס ס'איז געבליבן,
א שטיק שטיין ערגעץ אין מיטן פעלד.

דער גענעראל גיט א קלער,
אויך פון מיר וועט נישט בלייבן מער.
ס'ועט שפילן מוזיק, מען וועט טראגן בלומען,
מאשירן וועט מיליטער.

רעדן וועט ווער,
עס וועט פֿאַלן אַ פֿריינדס אַ טרער.
און עס וועט דורכגיין א צוויי דריי יארן,
און מע וועט נישט געדענקען מער.

וואס טויגט בלומען מיט מוזיק,
וועל פארלאשן איז דער בליק.
נאריש איז דער גאנצער לעבן,
און נישטא גאר קיין אמתע גליק.

וואס איז דען דער כבוד ווערט,
אז נישט מען זעט און נישט מען הערט.
?זיין האנט רײַסן ווי מעדאַלן,?
און זיי פאלן אראפ אויף דער ערד.

און מיט אמאל,
זעט ער הייזאלאך טיף אין טאל.
און אט דערקענט ער דעם טאטנס הייזל,
און הערט דעם מאמענס קול.

עס איז פרייטיק פארנאכטס,
אינדרויסן איז פינסטער שווארץ.
אין הויז איז דאך ליכטיג א פארגעניגן,
פול איז מיט פרייד די הארץ.

ביי די ברענענדיגע ליכט,
דער מאמעס גליקלאכער געזיכט.
ווען דער טאטע פאר א הענטל,
האט אין שולכען אוועק געפירט.

ווי געשמאק איז דאן געווען,
יענער דאווענען מיט א ברען.

די שענסטע צייט וואס אין זיין לעבן,
האט ער אין קליינינקן שולכען געזען.

ער זיצט און ער טראכט,
ער דארמאנט זיך א שיינע נאכט.
צום הייליגן רבי'ן האט עם דער טאטע,
אין צימער אריינגעבראכט.

און אונטערן ברעם.
האט דער רבי געקוקט אויף עם.
דעם טאטן געזאגט דיין זון וועט אויסוואקסן,
א צדיק אם ירצה השם.

און די מאמע גייט און קוועלט.
ווער דארף כבוד ווער דארף געלט.
אז מען וואקסט שוין אויס א צדיק.
האט מען די וועלט און סיי יענע וועלט.

ווער האט כבוד ווער האט געלט.
און האט קיין גליק נישט אויף דער וועלט.
ער וואלט זיין לעבן אפגעגעבן.
ער זאל וויסן וואס מיינט יענע וועלט.

און פלוצלינג ער זעט,
ווי ער שטייט ביי דער מאמעס בעט,
און איידער אויף אייביג זי איז איינגעשלאפן,
האט זי צו עם גערעדט,

און נישט איינמאל ביי דער נאכט,
איז זי געווען מיט עם אין שלאכט,
און נישט איינמאל אים געמינטערט,
און צום לעבן צוריק געבראכט,

נישט געווען ווען טאן א קלער,
ווי די מאמע קומט אהער,
אז ער ווייסט עס דאך אויף זיכער,
אז שוין יארן אז זי לעבט נישט מער,

א וואלס פאנגט זיך אן,
שפילט א סאלא דער באריטאן,
עס וועט שוין מער נישט זיין קיין מלחמה,
א נייע צייט קומט אן,

און דער קאנטריבאס,
ברומט זיך אונטער א שפאס א שפאס,
אלע זייריידן שיין וועגן שלום,
אין הארצן איז פול מיט האס,

גענערעלער פון דעם זאל,
שפאנען צו דעם גענעראל,
מען וועט טרינקען פאר זיין כבוד,
מען וועט אנטוען אים א מעדאל,

דער באלקאן איז אבער לער,
קיינער ווייס ניט אוואו איז ער,
אויף דער ערד ליגן צעווארפן,
די מעדאלן זיינע נישט מער,

א דורך איז א צייט,
איבער ים'ען דארט ערגעץ ווייט,
אין אידישן צענטער אין קליינעם שולכען,
אין ווינקל פון מערב זייט,

א פרוש זיצט דארט,
הויך דער שטערן און לאנג די בארד,
ער דריקט צו צום הארצן דעם קליינעם תהילים,
און מורמלט שטיל פון דארט,

קיינער ווייס ניט ווער איז ער,
ווען מען פרעגט עם שמייכלט ער,
און פון זיינע אויגן פאלן,
הייסע טרערן א טרער נאך א טרער,

און ער זאגט אז אך און ויי,
זיין א גענעראל ביי זיי,
בעסער זיין א פשוט'ער זעלנער,
אין דעם אייבערשטנס ארמיי.

**אין מדבר**

אין מדבר איז פארהאנען, אן ארט פאר קאראוואנען
לעבן בוים אן אלטן, מיט א קוואל א קאלטן
דער בעל שם טוב האט געהייסן, דעם מגיד דעם גרויסן
גיין צום בוים צום אלטן, און זיך דארט באהאלטן

דער מגיד איז געלאפן, און דעם בוים געטראפן
און אין זיינע שפאלטן, האט ער זיך באהאלטן
ער דארף דארטןווארטן, א האלבע שעה באטראכטן
וואס קומט פאר אין לעבן, דערציילן עס דעם רבי'ן

2

זעט ער אויף די וועגן, א רייטער קומט אנטקעגן
טראגט מיט זיך א פעקל, געלט א פולע זעקל
ער איז אראפגעשפרונגען, געגעסן און געטרונקען
און אין די הויכע גראזן, דאס געלט איבערגעלאזן

דער מגיד כאפט התפעלות, די קאפ איז פוהל מיט שאלות
ער וויל דעם רייטער יאגן, נאר ער טאר איהם גארניט זאגן
הייליקער באשעפער, ווער קען זיין א טרעפער
פארוואס זאל עס פאסירן, אזויפיהל געלט פארלירן

3

זעט ער אויף די וועגן, א סוחר קומט אנטקעגן
פירט מיט א פארמעגן, סחורה גאנצע וועגן
ער איז אראפגעלאפן, דאס געלט האט ער געטראפן
און דערפרייט געווארן, און איז אוועקגעפארן

דער מגיד כאפט התפעלות, דער קאפ איז פול מיט שאלות
דער רייטער וועט באלד קומען, דאס געלט איז צוגענומען
הייליקער באשעפער, ווער קען זיין א טרעפער
דער סוחר איז א עושר, איז עס דען א יושר

4

זעט ער אויף די וועגן, א בעטלער קומט אנטקעגן
אויסגעדארט כסדר, צוריסן זיינע קליידער
ער האט נישט וואס צו עסן, איז ער אזוי געזעסן
און א ארט געטראפן, און געלייגט זיך שלאפן

דער מגיד כאפט התפעלות, דער קאפ איז פול מיט שאלות
ווען ער וואלט פריער קומען, וואלט ער די געלט גענומען
הייליקער באשעפער, ווער קען זיין א טרעפער
דער סוחר איז א רייכער, פאר דעם וואלט זיין פיל גלייכער

5

דער רייטער איז געקומען, זוכן די געלט גענעמען
וואס האט ער געטראפן, נאר דעם בעטלער שלאפן
ער הייבט איהם אן צו וועקן, גיב אפ מיין פארמעגן
שלאגט איהם שווער כסדר, צורייסט איהם מער די קליידער

דער מגיד כאפט התפעלות, דער קאפ איז פול מיט שאלות
פארוואס קומט איהם צו שלאגן, אז ער ווייסט ניט וואס צו זאגן
הייליקער באשעפער, ווער קען זיין א טרעפער
דער רייכער קריגט א פעקל, דער ארימאן א שטעקל

6

א האלבע שעה פארלאפען, זינט דאס האט געטראפען
דער מגיד לויפט צום רבי'ן, טוט איהם איבערגעבן
דער בעל שם טוב טוט עס הערן, און ער נעמט דערקלערן
אלץ איז מיט א סדר, ארנטלעך כסדר

מען דארף זען פון ווייטען, פון די אלטע צייטן
וואס עס האט פאסירן, ווי דער אויבערשטער טוט פירן
און איר וועט באלד הערן, פארוואס עס טוט געהערן
דעם ארימאן - א שטעקל, דעם רייכן - געלט א פעקל

7

דריי הונדערט יארן פריער, געלעבט א איד ר' מאיר
האט ער איינעם געלט געליגן, צוריק ניט געקריגן
האט ער גענומען שרייען, געלאפען צו דעם דיין
דער דיין האט געלט געקריגן, געזאגט עס איז א ליגן

דוכגעגאנגען יארן, מען האט זיי צוריק געבארן
מאיר א סוחר ווייטער, און דער פארכאפער איז א רייטער
און דער פארכאפער טוט זיך יאגן, די אלטע חובות טראגן
און דער ארימאן טוט שרייען, ווייל דאס איז געווען דער דיין

8

דער מגיד כאפט התפעלות, ער האט שוין נישט קיין שאלות
אלץ איז מיט א יושר, דער ארימאן דער עושר

הייליגער באשעפער, מען דארף נישט זיין קיין טרעפער
אלץ איז מיט א סדר, ס'איז ארנטלעך כסדר

**דער תלמיד**

ווער גייט עס דארט אין וועג
אין מדבר אָן אַן עק
וואו מען זעהט נישט מיין
נאר הימל זאמד און שטיין

טאג און נאכט עס שפאנט
מיט א שטאק אין האנט
דער הייליגער בעל שם
און זיין תלמיד שפאנט נאך איהם

עס איז שוין דריי טעג
אז מען איז אין וועג
א שעה לויפט נאך א שעה
קיין וואסער איז ניטאָ

די היץ איז זייער גרויס
דער תלמיד האלט ניט אויס
און ער שרייט ארויס
מיין דורשט איז זייער גרויס

רבי געוואלד!
איך דארף וואסער באלד
דער בעל שם
הערט נישט צו צו איהם

נאך א טאג אוועק
דער תלמיד פאלט אוועק
ער לייגט זיך אויף דער ערד
און פאר'חלש'ט ווערט

דער בעל שם טוב שטעלט זיך אפ
און מונטערט איהם אפ
און רופט זיך אן צו איהם:
זאג צו דו גלויבסט אין דעם

אז צוריק זעקס טויזנט יאהר
ווען דער באשעפער קלאר
באשאפן האט די וועלט
און אלץ צונויף געשטעלט

האט ער שוין דאן געזען
וואס היינט וועט דא געשען
און אנגעגרייט זיי באלד
וואסער פריש און קאלט

דער תלמיד קלערט
און זאגט: רבי גערעכט
און ער זעהט באלד
וואסער פריש און קאלט

אין מיטן די רייד
זעט מען איינער גייט
און ער טראגט צו זיי
עמערס וואסער צוויי

ער שטעלט דאס אוועק
און דערציילט מיט שרעק
מיין פריץ, גוטע פריינט
איז אראפ פון זינען היינט

ער טוט מיר א זאג
צוויי עמערס וואסער טראג
פרעג איך איהם וואוהין
אין מדבר דארט אהין

פרעג איך איהם ביז ווען
זאגט ער וועסט שוין זען
די קאלטע וואסער שטייט
דער תלמיד קוקט מיט פרייד

און שרייט אויס
רבי ס'זייער גרויס
נאס איז מיין צונג
איך דארף שוין נישט קיין טרונק

**טשופטשיק**

טשופטשיק טשופטשיק, טשופטשיק קוטשוראַווי
(געקרויזלטע האר(
ער האט א טשופ פון שווארצע שיינע האר
געבוירן אין רוסלאנד אין דער שטאט פּאָלטאַווע
א יתום געבליבן צו אנדערהאלבן יאר

מיט די יתומים האט ער זיך ערצויגן
זיין טאטע מאמע קיינמאל ניט געקענט
נישט געוואוסט פון וואנען האט ער זיינע שיינע אויגן
פון וואנען האט ער די איידעלע צוויי הענט

צו דרייצן יאָר האט ער גענומען שטייגן
אין פאבריק זיך ארבעטן געשטעלט
זיך אויסגעלערנט הונגערן און שווייגן
זיך אויסגעלערנט צו פיינט האבן די וועלט

ווען עס האט זיך די מלחמה אנגעפאנגען
איז ער געווארן אן אפיציר א העלד
איינמאל איז ער אין א שטורעם זיך געגאנגען
געבליבן ליגן א פארוואונדעטער אין פעלד

געפאנגען האבן איהם די דייטשן די באנדיטן
און פאר א אידן האט מען איהם דערקענט
און אפגעשיקט אין לאגער צו די אידן
און מיט אידן דארט האט ער זיך באקענט

איינער א איד האט איהם דערציילט דעם וואונדער
אז אידן האבן דאך א גרויסן שם
מען שלאגט און מען שלאגט און זיי גייען גארניט אונטער
און זיי ווערן נאר שטארקערער פון דעם

א צווייטער איד האט איהם דערציילט מיט מורא
אז אידן האבן אויך א שיינע לאנד
און א אלטער רב אים דערציילט פונעם גרויסן בורא
וואס יעדנס לעבן עס ליגט ביי איהם אין האנט

ווען טשופטשיק האט זיך פון דעם געטאן דערוויסן
האט ער די אידן שנעל ארגאניזירט
און ביינאכט די פּלויטן דורכגעריסן
און אין וואלד האט ער זיי אוועקגעפירט

פּאַרטיזאַנער זענען זיי געווארן
און פון שונא געמאכט א גרויסן תל
אויפגעריסן ווי א באן וואס האט געפארן
און אויפגעריסן ווי נאר א טונעל

נאך דער מלחמה האבן דיפּלאָמאַטן
איהם פארבעטן קיין רוסלאנד צוריק
טשופטשיק האט זיי געוויזן זיין גרויסן טלית קטן
און געזאגט זיי איך בין מוחל אייער גליק

טשופטשיק וואוינט היינט אין ירושלים
און מען רופט איהם אברהם דער פארטיזאן
ער וואקסט אין תורה און יראת שמים
און א משפחה איז אויך ביי איהם פאראן

אין ארץ־ישׂראל, פֿרעמדע ווינטן בלאָזן,
סאָלדאַטן, טאַנקען ווּ מען שטייט און גייט,
נישט אַ ייִד טאָר זיך אויף דעם פֿאַרלאָזן,
מען פֿרייט זיך נעבעך מיט דער פֿאַלשער פֿרייד.

טשופּטשיק זאָגט, ער וויל פֿון דעם נישט קאָנען,
נישט צוליב דעם בין איך געקומען דאָ אַהער,
נישט כּדאַי געווען די זעקס מיליאָנען,
פֿאַר אַ היטל פֿון אַן אָפֿיצער,

איך בין געווען אַן אָפֿיצער אַ גוטער,
איך האָב געקעמפֿט אויף דער לופֿט און אויף דער ערד,
פֿאַר די עראָפּלאַנען גיב איך נישט קיין פּרוטה
און די טאַנקען זייַנען גאָרנישט ווערט

מיליאָנען פֿייַנד שטייען גרייט אין די הויפֿן,
זיי קענען האָבן אָפֿיצערן מיט געווער,
העלפֿן קאָן נאָר איין גענעראַל פֿון אויבן,
דער קליינער תּהילים איז דער איינציקער געווער,

מיט געדולד וואַרט איך אויף דער ישועה
די גאולה איז פֿאַר זיי שוין אויף דער וועלט,
נאָר איידער עס וואַקסט אַרויס די גוטע תּבֿואה,
ווילדע גראָזן וואַקסן אויפֿן פֿעלד

שטעכעדיקע דערנער וואַקסן דאָרט כּסדר,
און פֿון גאָרטן מאַכן זיי אַ תּל,
דער בעל־הבית וועט מאַכן באַלד אַ סדר,
און די תּבֿואה וועט וואַקסן פֿייַן און שנעל,

ציון, ציון, דו וועסט זייַן צופֿרידן,
מען וועט פֿון דיר באַלד אַראָפּנעמען די שאַנד
און אַלע וועלן זען ווי שיין עס זענען די ייִדן,
און צו וועמען עס באַלאַנגט דאָס שיינע לאַנד

און אַלע וועלן זען ווי שיין עס זענען די ייִדן,
און צו וועמען עס באַלאַנגט דאָס שיינע לאַנד

**כל נדרי**

דער אדעסער חזן

איז געווארן א בעל תשובה

די זון איז פארגאנגען אראפ אין א פלאם
אויף כוואלעס די שטראלן צוגאסן
עס פארט א געפאנצערטע שיף אויפן ים
מיט רוסישע קריגס מאטראזן

דער שיפס קאפיטאן שטייט ביים שפיץ אויפן דעק
און האלט א לאָרנעטע א קליינע
און פלוצלינג ערזעהט ער א הערליכן ברעג
און אויף איהם א שטאט גאר א שיינע

אדעס הייסט די שטאט אירע לאמפן ביים פארט
גלאנצן ווי דיימאַנדס פון ווייטן
און פלוצלינג דערהערט ער א ניגון פון דארט
פון אלטע פארגעסענע צייטן

עס דערמאנט איהם דער ניגון זכרונות אסאך
פון יארן מיט פיל פארגעניגן
ניט בעטהאווען מאָצאַרט ניט וואגנער ניט באך
ס'איז עפעס אן אנדער מין ניגון

עס ציהט איהם דער ניגון אין שטאט אריין דארט
ער קען זיך קיין ארט ניט געפינען
ער בינדט אפ א שיפל און פארט צו צום פארט
און ער לויפט אויפן ברעג ווי אָן זינען

ער לויפט אין די גאסען אריין און ארויס
דער ניגון ווערט שטארקער און קלערער
און וואס מער ער הערט איהם זיין הארץ גייט איהם אויס
די בענקשאפט ווערט שטארקער און שווערער

עס ציהט איהם דער ארויס פון דער שטאט
ביי פינסטערע הויכע פאבריקן
און אין א קלייניקער געסל עס האט
זיך אויפגעהערט הערן דער ניגון

און פלוצלינג דערזעהט ער גיין ביי א וואנט
אן אלטיטשקע פרוי איינגעבויגן
א קלייננקע פעקעלע אונטערן האנט
א טיכל אריבער די אויגן

מוטערל, זאגט ער, א ניגון איך הער
און איך קען מיך קיין ארט ניט געפינען
עס ציהט מיר די הארץ און עס בענקט זיך אהער
איך פיהל אז עס רירט מיך פון זינען

זאגט איהם די אלטע דיין פנים זאגט אויס
אז דו ביזט א איד און דעריבער
איז ביי דיר היינט דאס די בענקעניש גרויס
ווייל היינט איז די נאכט פון יום כיפור

די נאכט פון יום כיפור - גיט ער א געשריי
איך זעה מיינע קינדערשע יארן
און דאס איז דער ניגון דאך פון כל נדרי!
עס לעבט ביי מיר אלץ אין זכרון

מיין טאטע פלעגט זאגן אין שוהל אזוי פיין
איך בין זיין משורר געווען
זי גיט איהם איר מחזור ער קוקט זיך דארט איין
ער האט נאך קיין זאך נישט פארגעסן

א דאנק זאגט די אלטע ווער עס האט דיך געשיקט
פונקט אין דעם צייט העלפט ער תמיד
מען האט ביי אונז אלע בעל תפילות פארשיקט
נישטא ווער זאל צוגיין צום עמוד

ער קומט אין א הייפל פארשטעקט אין פיר ווענט
נאס דורכגעווייקטע פון טרערן
עס שטייען פיל מענטשן ער קוקט און דערקענט
פיל הויכע ארמיי אפיצערן

ביים קליינינקן שולכען עס ברענען פיל ליכט
א טלית ט'מען איהם צוגעטראגן
ער דרוקט צו צום סידור זיין בלאסן געזיכט
און הייבט אן פאמעלאך זאגן

בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה
אנו מתירים להתפלל עם העבריינים
און פון זיינע אויגן א טרער נאך א טרער
עס פאלן אריבער זיין פנים

אינדרויסן צושפרייט ליגט א פינסטערע נאכט
א רעגנדל הייבט אן צו פאלן
אומזיסט שטייט די שיף דארט אין ים און זי וואכט
אומזיסט שיקט זי אירע סיגנאלן

דער שיין פון פראָזשעקטערס עס זוכט אויפן ברעג
עס זוכט אויך צווישן די שטערן
דער שיפס קאפיטאן איז פיל העכער אוועק
און וועט זיך קיינמאל נישט אומקערן

ער שטייט ביי דעם עמוד געבויגן די קאפ
און קען נישט איינהאלטן די טרערן
ביין זייט שטייט דער טאטע פון הימל אראפ
געקומען כל נדרי צו הערן

נאר ווער קען דען זינגן אז די הארץ איז פול
און שיעור וואס עס פלאצט נישט דער מח
ער גיט זיך א דריי אויס פון עמוד צום שול
און הייבט אן צו שרייען מיט כח

מענטשן! צו ווייסט איר וואס איז געשען דא
שרעקליכע הייליגע זאכן
צו נעמען א מענטשן אין איין האלבע שעה
און אזוי גליקלאך צו מאכן

אידן! איך האב היינט געפינען מיין גליק
מען האט מיך פון זומפ אויפגעהויבן
א ניגון געזוכט און געפונען צוריק
מיין אלטן פארלוירענעם גלויבן

א ניגון געזוכט און געפונען צוריק
מיין אלטן פארלוירענעם גלויבן

**לאמיר זיך אומקערן אידאלאך**

בעזרת ה' דא ניט ווייט אויף די וועגן
א באן פול מיט מענטשן עס פארט
איין באן פארט גלייך און דער צווייטער אנקעגן
יעדערער צו זיך אויף זיין ארט

פארן זיך אידן פארוקט אין א ווינקל
אוי יעדערער אהיים צו זיך פארט
ס'יז צייט דאוונען מנחה עס איז שוין באלד טונקל
און פרעמד אומבאקאנט איז דער ארט

איינער גייט צו צום קאנדוקטאר עם פרעגן
און קומט גלייך צוריק מיט א גוואלד
מיר האבן פארבלאנדשעט אויף אנדערע וועגן
מיר מוזן זיך אומקערן באלד

**אוי לאמיר זיך אומקערן יודאלאך**
**צוריק אויף דעם ריכטיגן וועג**
**אוי לאמיר זיך אומקערן ברידארלאך**
**איידער דער טאג גייט אוועק**

**ווייל א מענטש איז נישט מיין (= מער), פון פלייש און פון ביין**
**און ער קאן מאכן א פעלער**
**און ווער עס האלט קאפ, שטעלט זיך גלייך אפ**
**און טוט זיך אומקערן וואס שנעלער**

ביי דעם בארג סיני האט מען אונז געגעבן
א גלייכן און זיכערן וועג
וואס פירט בשלום א דורך אונזער לעבן
און פירט נאך אונז ווייטער אוועק

עס האט זיך געטראפן עס האבן פיל יודן
אביסל אין זייט זיך אוועק
און האבן פארזען די סימנים צו היטן
און זיינען אראפ פון דעם וועג

מען טראגט פרעמדע נעמען מען עסט פרעמדן עסן
מען האט נישט קיין אידישן בליק
זיי האבן שוין נעבעך אינגאנצן פארגעסן
אז ס'איז דא א וועג אויף צוריק

**אוי לאמיר זיך אומקערן יודאלאך**
**צוריק אויף דעם ריכטיגן וועג**
**אוי לאמיר זיך אומקערן ברידארלאך**
**צוריק צו אמאליגע טעג**

**א מענטש איז נישט מיין (= מער), פון פלייש און פון ביין**
**און ער קען מאכן א פעלער**
**ווער עס האלט קאפ, שטעלט זיך גלייך אפ**
**און טוט זיך אומקערן וואס שנעלער**

**אוי לאמיר זיך אומקערן יודאלאך**
**כל זמן די זון נאך זי שיינט**
**אוי לאמיר זיך אומקערן ברידארלאך**
**וואס גיכער וואס שנעלער נאך היינט**

**אנטקעגן טוט שטיין, א ליידיגער באן**
**אהיים באלד צוריק וועט ער פירן**

**וואס גווען איז געווען, וואס געשען איז געשען**
**אזוינס טאר שוין מער נישט פאסירן**

עס איז היינט געווארן די וועלט פארגעשריטן
מען לעבט אין א צייט פון אטאם
אבער פארדארבן מען איז היינט אין זיטן (= מדות)
פונקט ווי אין צייטן פון סדום

מען וויל שוין היינט פליען אויף צו דער לבנה
זיי ווילן נאך העכער שוין גיין
און אלע ווייסן מיר דאך די כוונה
צו קאנען פארניכטן וואס מיין (= מער)

מיר האבן די וואונדער געזען וואס זיי קאנען
וואס די לעצטע טעכניק האט געמאכט
אזוי שנעל און פונקטלעך פארברענען מיליאנען
וואס האבן עס גארנישט דערוואורט

עס האט די קולטור פאר די מענטשן געגעבן
נאר צער מיט פארדרוס מיט געוויין
מען זאגט צו א שענערן בעסערן לעבן
און ס'קראכן א פליין נאך א פליין

**אוי לאמיר זיך אומקערן יודאלאך**
**אנטלויפן פון זיי ווי געשווינד**
**אוי לאמיר זיך אומקערן ברידארלאך**
**ווייל זיי סם'ען אפ אונזערע קינד**

**ווייל די גאנצע וועלט, איר כבוד איר געלט**
**די גאנצע הנאות פון לעבן**
**זיינען נישט גערעכט, און זיינען נישט ווערט**
**אפילו א קרעכץ פאר זיי געבן**

**אוי לאמיר זיך אומקערן יודאלאך**
**צום טאטן אין הימל צוריק**
**אוי לאמיר זיך אומקערן ברידארלאך**
**פארזיכערט אייך אייביקן גליק**

**לאמיר נאר זען, ווי שיין איז געווען**
**די צורה פון אלטיטשקן זיידן**
**געלעבט אויף דער וועלט, ס'האט גארניט געפעלט**
**אצינד פרייט ער זיך אין גן עדן**

דער רבונו של עולם עם בענטשן און לויבן
האלט אפן דעם טויער פון גליק
און אלע טאג שרייט א בת קול פון אויבן
קערט זיך אום קינדער צוריק

און אט דער בת קול פארשטעלט זיך פארשיידן
ווי ס'איז ביים בארג סיני געווען
וכל העם רואים את הקולות די קולות דעם רעדן
האט מען אפילו געזען

דער בת קול טוט זיך אין דעם הארץ אריינקריכן
און עס ווערט א בענקעניש דארט
אמאל ווי א בילד און אמאל ווי א ניגון
און אמאל ווי א פשוטער ווארט

**משיח קומט**

אין א טאג א הייסן, אויף א מארק א גרויסן
ערגעץ אין א ווינקל פון יריד
וועט א טומל ווערן, קולות וועט מען הערן
און פון וואנען וויסן וועט מען ניט

און ארום די הייזער, און אייזעלע א ווייסער
וועט זיך נעמען שפאַנען שפּאַן נאך שפּאַן
און אויף וועט רייטן, א אורח גאר פון ווייטן
געקליידעט פשוט ווי אן ארימאן

און אין זיינע הענט וועט ער האלטן
א גרויסן שופר גאר אן אלטן
נאך פון בראשית אן באהאלטן, אויף דער גוטע צייט
האלבע נאכט וועט נעמען טאגן
און דער שופר ט'נעמען זאגן
און זיין שטימע וועט זיך טראגן, אויף די ימ'ען ווייט

מענטשן וועלן זיך אויפכאפן
און די זייגערס נעמען טאפן
אפשר טועו זיי נישט קלאפן, אדער שטייען קרום
מען וועט רופן אינפארמאציס
די פאליציי און ראדיא סטאנציעס
דער פייער לעשער עמיגרעישאן, ס'פארנומען אומעטום

און דער ראדיא וועט ערקלערן
אז דער קול וואס מען טוט הערן
עס דערנענטערט זיך א שטערן, ס'קומט אן א פלאנעט
און די רוסן וועלן בּלאָפן
אז דער קול וואס לאזט נישט שלאפן
ווייל עס איז אדורכגעלאפן, א רוסישער ראקעט

**אך ווי שיין, וועט דעמאלס זיין, עס וועט אוועק די מורא**
**הזורעים בדמעה ברנה יקצורו**

און דער קול וועט רעדן, צו יעדערן פארשיידן
לשון קודש אלע וועלן פארשטיין
יעדער איד וועט הערן, מיט אויגן פול מיט טרערן
און וועט תשובה טאן מיט גרויס געוויין

אליהו הנביא וועט אנזאגן, מיט זיך גארנישט טראגן
יעדער איד זאל גיין צו זיך אין שול
אידן וועלן טאנצן, אפלאזן אין גאנצן
און די שולן וועלן ווערן פול

און די שולן נישט צום גלויבן
וועלן פלוצלינג זיך אויפהויבן
נעמען פליען ווי די טויבן, אויפן הויכן בריק
קליינע קינדערלאך פון אויבן
וועלן ווייזן דורך די שויבן
זעהט נאר זעט, דער וואלקנקראצער קלענער ווי א פליג

און דער אלטער שמש סענדער
וועט א קלאפ טאן אין דעם סטענדער
עס נעמט טאגן אלע דארפן דאווענען גרויס און קליין
אלע וועלן שטיין אין תפילה
קינדער ברעקעלאך אפילו
און די שטערן וועלן הערן און ענטפערן אמן

**אך ווי שיין, וועט דעמאלס זיין, עס וועט אוועק די מורא הזורעים בדמעה ברנה יקצורו**

און די אינזשינערן, וועלן שטיין און קלערן
הייזער פליען אן ענערגיע קראפט
עס איז דארט מסתמא, באהאלטן א דינאמא
א נייער אויפטו פון דער װיסנשאפט

און אונזערע שכנים, וועלן שטיין אינאיינעם
קוקן אויפן הימל פוהל מיט שרעק
די פנימ'ער פארשעמטע, די הערצעלעך פארקלעמטע
וואס דער איד עס פליהט פון זיי אוועק

פּאָלאַקן וועלן זיי באגלייטן
און צווישן זיך ט'מען ריידן
ווידזיש אַנטעק נאַש אַבראַשאַ באָהאַטערעם סטאַל
=)..............זע אנטעק, אונזער אברהם איז געווארן א העלד(

און די רוסן וועלן שטייען
און מען וועט די וואנצען דרייען
העי איוואַן סמאַטרי נאַש יאַנקעל צעלי הענעראַל
=)..............זע איוואן, אונזער יאנקל איז א גאנצער גענעראל(

די דייטשן וועלן זיך באהאלטן
ווי די ראצן אין די שפאלטן
שרייען הייל דער יודע גייט רעגירן אויף דער וועלט
די אמעריקאנער גוטע ברודער
וואס לאזן די נאציס וואקסן ווידער
וועלן זיך פיהלן זייער ביטער מיט זייערע געלט

**אך ווי שיין, וועט דעמאלס זיין, עס וועט אוועק די מורא הזורעים בדמעה ברנה יקצורו**

און ס'וועט פינסטער ווערן, וועט מען זעהן די שטערן
קלייבן זיך צוזאמען פון גאר ווייט
צווישן זיי פון ווייטן, וועט משיח רייטן
מלאכים פייערדיגע ביי דער זייט

און פון ביידע זייטן, צדיקים וועלן רייטן
דרייסיג טויזנט פון גן עדן ארויס
און פון אונטן פחדים, די עשרת השבטים
יעדער איינער צוואנציג פלאָר די גרויס

מען וועט רופן יונייטעד נעישען
זיינען אלע אויף וואקעישען
דער פרעזידענט איז אין פלאָרידע ער פליהט שוין צוריק
דעוויל הייסט מען זיך זיך רואיג האלטן
ווער ס'האט שעלטערס זיך באהאלטן
ווייל די אסטראנאמער האלטן, אז ס'איז רוסישע טעכניק

און די רוסן וועלן קלערן
ס'איז אן אינוואזיע פון א שטערן
און מען וועט דארט נישט אויפהערן, שיסן פון אטאם
משיח וועט אויף זיי דאן בלאזן
פעך און שוועבל אראפלאזן
און פון זיי ט'מען איבערלאזן, אזויפיל ווי פון סדום

און די טויטע קדושים וועלן
פון די קברים זיך אויפשטעלן
אויפקלייבן די רוצחים אלע אפילו פון דער ערד
די אויוונס וועלן ווידער ברענען
און מען וועט זיי באלד דערקענען
און מען וועט נקמה נעמען יעדן לויט זיין ווערט

ווער עס וועט זיך אונטערגעבן
דער וועט קאנען בלייבן לעבן
אויב ער האט קיינמאל נישט געהאט קיין שטרעבן,
שלעכטס צו טאהן א איד
און זיי וועלן זיין צופרידן
אייביג קנעכט זיין ביי אידן
און די זיבן מצוות היטן, ווי ס'דארף זיין אפגעהיט

**אך ווי שיין, וועט דעמאלס זיין, עס וועט אוועק די מורא הזורעים בדמעה ברנה יקצורו**

אוועק די שלעכטע צייטן, אלעס טוט זיך בייטן
משיח אויפן קליינעם אייזעלע קומט שוין באלד צו רייטן
אוועק די שלעכטע יארן, אלץ איז ניי געווארן
משיח אויפן קליינעם אייזעלע קומט שוין באלד צו פארן
אויף יעדן בארג און יעדן טאל, וועט מען פלוצלינג מיטאמאל
איינהערן דעם קול, דעם שופר'ס גרויסן קול
ס'וועט זיין פריילעך, מיר וועלן האבן אן אייגענעם מלך
אז משיח קומען וועט צוגיין

און די אידן פליען, וועלן צום בארג פון ציון
ירושלים קומט פון הימל ניי ביז גאר
גאסן פון דיימאנטן, הייזער פון בריליאנטן
יעדער איינע זיבן טויזנט פליאר

און פון הר הזיתים, וועלן גיין די מתים
אנגעטוהן די אלטע שבת קלייד
דער אייניקל וועט ריידן, מיטן עלטער זיידן
און די מאמע וויינען וועט פון פרייד

און מען וועט דאן רואיג לעבן
מען וועט האבן נאר איין שטרעבן
דער באשעפער זאל נאר געבן, שכל און א שיעור
ווייל מען וועט נאר לערנען תורה
און די סודות פון דעם בורא
און ביינאכט וועט מען זיך פליען יעדער צו זיין טיר

און אויף אלע בוימער דארטן
וואקסן שפייזן אלע סארטן
טייכן האניג פוהל דער גארטן, וויין וויפיהל מען וויל
דער לייב וועט זיך פאר קינדער בוקן
און זיי נעמען אויפן רוקן
און זיי פירן צו באקוקן, ווי ס'לעבט דער קראקאדיל

און ווי הינדעלאך אצינדער
וועט עס גארנישט זיין קיין וואונדער
יעדער מאמע ט'האבן קינדער, יעדן טאג פון יאר
א קליינעם אינגל וועט איר פרעגן
וויפיל יאהר איז דיין פארמעגן
וועט ער זאגן כ'בין נאך יונג אינגאנצן הונדערט יאהר!

ירושלים וועט זיך אויפהויבן
אויף דער גאנצער וועלט פון אויבן
און איבער אלץ, דוד'ס פאלאץ, און דער הייליגער געצעלט
פון אלע זייטן ט'מען מארשירן
טויזנטער מתנות פירן
העכער העכער צו די טירן, צום פירער פון דער וועלט

**אך ווי שיין, וועט דעמאלס זיין, עס וועט אוועק די מורא הזורעים בדמעה ברנה יקצורו**

אוועק די שלעכטע צייטן, אלעס טוט זיך בייטן
משיח אויפן קליינעם אייזעלע קומט שוין באלד צו רייטן
אוועק די שלעכטע יארן, אלץ איז ניי געווארן
משיח אויפן קליינעם אייזעלע קומט שוין באלד צו פארן
לאמיר אידעלעך זיין גרייט, אויפנעמען די גרויסע פרייד
תשובה טאן געשווינד, און מער נישט טאהן קיין זינד
דער פנים זאל נישט זיין פארשעמט, און די הערצעלע פארקלעמט
לאמיר ווערן שיין, לאמיר ווערן ריין

אוי האבן מיר א גרויסן בורא, א שיינע פאלק און א זיסע תורה
משיח מעג שוין קומען באלד צו גיין

**נאטשאלניק פון ען קאווערע**

אין שטאָט סאַמאַרקאַנד,
אונטער דער אײַזער וואַנט.
פסח איז באַלד דאָ,
און קײַן מצה איז אַלץ ניטאָ.
פון מאָסקווע שנעל,
געקומען איז אַ בעפעל.
דערשטיקן דעם גלויבן,
און נישט ערלויבן,
קײַן מצה קײַן ווייץ אָדער מעל.

אָבער דער ייד,
קיין מאָל פעלירט ער זיך ניט.
אונטערן שטאָט,
אַ ווינקל געטראָפן מען האָט.
א בעקער איז געמאַכט,
עס אַרבעט בײַ טאָג און בײַ נאַכט.
ארום שטייען אידן,
זיי קוקן און היטן,
עס זאל נישט דערגיין צו דער מאַכט.

**סור מרע, א מעשה פון יעדען איינעם**

**סור מרע ועשה טוב בקש שלום ורדפיהו**
**טרעט אפ פון שלעכטס און טו נאר גוטס**
**זוך דעם שלום און יאג זיך נאך אים**

1

די גאנצע וועלט, איז איינגעשטעלט
יעדער טוט וואס איהם געפעלט
וואו מען שטייט, וואו מען גייט
נישטא קיין גליק נישט קיין פרייד

וואו א לאנד, איז צו שאנד
נישטא קיין געפילן ניטא קיין פארשטאנד
אויפן וועג, איז א שרעק
חוצפה פריצות גאר אן א עק

אוי אוי אוי אוי אוי אוי
טייערער איד, זארג זיך ניט
דער באשעפער זעט דער באשעפער היט
אוי אוי אוי אוי אוי אוי
דער באשעפער זעט, דער באשעפער בעט,
און א עצה גיט, גוט פאר יעדן איד
און א עצה גיט, גוט פאר יעדן איד

**סור מרע ועשה טוב בקש שלום ורדפיהו**
**טרעט אפ פון שלעכטס און טו נאר גוטס**
**זוך דעם שלום און יאג זיך נאך אים**

2

וואס גייט דיר אן, וואס יענער קאן
ווי ער לעבט און גייט אנגעטאן
דו ביזט א איד, וואס מצות היט
און ער איז פלייש וואס ווייסט גארניט

דו האסט א הער, וואס צאלט דערפאר
פאר יעדע מצוה גיט ער שכר
און עס שטייט, אנגעגרייט
נאך א לעבן פול מיט פרייד

אוי אוי אוי אוי אוי אוי
די וועלט נעבעך זי פאלט, זי גייט אונטער באלד
בלייבן וועט דער איד, וואס די תורה היט
אוי אוי אוי אוי אוי אוי
דער באשעפער היט, דערוויטערט קיינעם ניט
נאר איין קליינע זאך בעט ער ביי דעם איד
נאר איין קליינע זאך בעט ער ביי דעם איד

**סור מרע ועשה טוב בקש שלום ורדפיהו**
**טרעט אפ פון שלעכטס און טו נאר גוטס**
**זוך דעם שלום און יאג זיך נאך אים**

3

די וועלט איז שלעכט, דו זיי פארקערט
די וועלט איז ווילד, דו זיי מילד
די וועלט איז געמיין, דו זיי שיין
די וועלט זאגט פריינט, דו זאג איר פיינט

די וועלט זאגט ס'איז זיס, זאג איר ס'איז מיאוס
די וועלט זאגט ס'איז וואויל, זאג איר ס'איז פויל
די וועלט זאגט ס'איז פוץ, זאג איר ס'שמוץ
די וועלט זאגט זי וועט שטיין, זאג איר אז ניין

אוי אוי אוי אוי אוי די מלחמה גרוי
ס, אין יעדן אידיש הויז
דער יצר הרע שטייט, איינשלינגען דיר גרייט
אוי אוי אוי אוי אוי
ער טרעפט דיר אויפן גאס, ער טרעפט דיר אין דיין הויז
באגעגן איהם מיט האס, ווארף אים שנעל ארויס
זאג איהם דו פאלגסט נאר דעם באשעפער בלויז
אוי אוי אוי אוי אוי
געדולד אביסל נאר, אפשר נאך דעם יאר
משיח קומט צו גיין, און אלץ וועט ווערן שיין
מען דארף ווערן גוט, מען דארף ווערן ריין

**סור מרע ועשה טוב בקש שלום ורדפיהו**
**טרעט אפ פון שלעכטס און טו נאר גוטס**
**זוך דעם שלום און יאג זיך נאך אים**

**צימבלען**

איינער האט אמאל חתונה געהאט,
מיט א גרויסן תלמיד חכם,
און האט צוגעזאגט פארן "הרי את,"
אז זי וועט גיין אין זיינע דרכים,

צוגעדעקט דעם קאפ וועט זי שטענדיג גיין,
און היטן טהרות המשפחה,
און געקליידעט זיין צניעות'דיג און שיין,
די קיך וועט אויך זיין כהלכה,

און דורך געגאנגען איז עטליכע יאר,
מען האט געקריגן שלעכטע שכנים,
און זיי האבן זיך מיט די יונגע פאר,
גענומען לעבן גוט אינאיינעם,

און קוקנדיג אזוי, האט די יונגע פרוי,
גענומען פירן זיך מאדערן,
איבערשטער שריפּט מען איז יונגעלייט, און ס'איז א נייע צייט,
מען דארף שעמען זיך אויפהערן,

און קומען וועט א שעה, וועט זי קריגן געסט,
א מלאך פרעגן וועט איר נאמען
זי וועט זאגן "נאו" און ער וועט זאגן "יעס"
און ער וועט נעמען איר נשמה,

**און צימבלען! צימבלען! אוי וועט מען איר דארט צימבלען!**
**צימבלען! צימבלען! אוי וועט מען איר דארט צימבלען!**

פאר יעדן טריט און פאר יעדן שפאן,
וואס זי האט ניט דערציילט די מאן,
פאר אויפירן זיך ניט ווי עס פאסט,
פאר די קינדער פאר א גאסט,

פאר אפדעקן וואס עס דארף זיין פארשטעלט,
אפי' אין קאנטרע אין מיטן פעלד,
ווייל זי האט גערעדט, געזען, געהערט,
זאכן וואס די תורה האט פארווערט,

אז זי וועט קומען אין די הימלען,
אוי וועט מען איר צימבלען,

**צימבלען! צימבלען! אוי וועט מען איר דארט צימבלען!**
**צימבלען! צימבלען! אוי וועט מען צימבלען!**

בעקאנט איז איבעראל, דער הייליגער חז"ל,
ניט דא קיין צדיק אן עבירות,
און יעדער איינער היינט, מיינע גוטע פריינד,
איז דאך פול מיט אט די סחורות,

א קביעות זיך געמאכט, לערנען אלע נאכט,
מען וועט איינשלאפן נישט ביים ווילן,
און אז מען נעמט אראפ, דעם "של ראש" פון קאפ,
דערמאנט מען זיך אז דאס איז תפילין,

איר קוקט ארויס פון הויז, איר גייט אין גאס ארויס,
חצופת פול פון אלע זייטן,
איר דרייט אוועק די קאפ, איר קוקט ארויף אראפ,
און איך קענט זיי ניט אויסמיידן,

מען דארף פרנסה מער, מען ארבעט זייער שווער,
און דער לעבן אן א סדר,
די קאפ אזוי פארדרייט, מען ווייסט ניט ווי מען גייט,
און מען פאלט א דורך כסדר,

און קומען וועט א שעה, וועט מען קריגן געסט,
א מלאך פרעגן וועט דעם נאמען
מען וועט זאגן "נאו" און ער וועט זאגן "יעס"
און ער וועט נעמען די נשמה,

**און צימבלען! צימבלען! אוי וועט מען אונז דארט צימבלען!**
**צימבלען! צימבלען! אוי וועט מען אונז דארט צימבלען!**

פאר יעדן שמייכל און פאר יעדן בליק,
פאר אויסדרייען זיך און קוקן צוריק,
פאר אנרירן און פאר געבן הענט,
וועט מען קריגן מיט פראצענט,
פאר ביטול תורה און דאווענען קאלטערהייט,
פאר לשון הרע און לצנות רייד,
פאר נישט טון קיין טובה ווער עס בעט,
פאר חשש גזילה אפגערעדט,

וועט מען נעמען אין די הימלען,
און מען וועט דארטן צימבלען,

**און צימבלען! צימבלען! אוי וועט מען אונז דארט צימבלען!**
**צימבלען! צימבלען! אוי וועט מען אונז צימבלען!**

## אמונה

קום מיין פריינד אין גארטן
לאמיר ארויס אויפן פעלד
און באטראכטן דארטן
די גרויסקייט פון באשעפער פון דער וועלט
קריכט א מוראשקע צו זיך אין שטעטל
און עס האט אויף זיך א שיינע בלעטל
דער זומער גייט אוועק, עס קומען קאלטע טעג
מען דארף זיין ווארים צוגעדעקט

זעה די שיינע בלומען
די בלעטאלאך פונקטליך אין צאל
זומער ווינטער קומען
אלע יאהר פונקט אין צייט אלע מאהל
פונקטליך קומט די נאכט און טאג נעמט ווערן
און פונקטליך דרייען זיך ארום די שטערן
און וואו די וועלט איז ווייס, אויף די בערג פון אייז
דער ווייסער בער קריגט אויך זיין שפייז

א מענטש פון פלייש פון ביינער
האט אונזער גרויסער באשעפער געמאכט
און פארשטיין קען קיינער
ווי אזוי ער זעהט, און ער רעדט, און ער טראכט
מיליאנען שרייפעלאך צונויף געפלאכטן
רערן פוהל מיט שטאפן אלע סארטן
און ווער נאר שכל האט, קען פארשטיין דעם סוד
אז אלעס איין באשעפער האט

**אני מאמין איך טוה גלויבן**
**אז דער באשעפער דארט פון אויבן**
**באשאפן האט געקענט נאר איינער**
**אזא גרויסע וועלט א שיינע**
**געוועןן, און איז, און וועט זיין איינער**
**און איהם דארף נישט העלפן קיינער**
**ווייל קיינער קען איהם נישט פארשטיין**
**ווי אזוי ער מאכט עס אלץ אליין**

**ווען טינט וואלט ווערן אלע ימ'ען**
**און א פען פון יעדן גראז**
**און אלע הימלען זיי צוזאמען**
**א שטיק פארמעט אן א מאס**
**און שרייבן דארט מיליאנען יארן**
**וואלט קיין אנפאנג נישט געווארן**
**פון די שבחים פון דעם העלד**
**דעם באשעפער פון דער וועלט**

2

עס ווייסט דאך יעדער איינער
אז מען קען נישט רירן קיין האנט און קיין פיס
דאס עסן ביי די ציינער
און מען קאן נאכנישט געבן קיין ביס
ביז מען קריגט נישט קיין רשות פון אויבן
דער באשעפער זאל אליין דערלויבן
הייסט ער גיין איז גיין, הייסט ער שטיין איז שטיין
מען קען דאך גארנישט טאן אליין

וואו א איד טוט וואוינען
מיט וועמען א שידוך ער טוט
ניט ווייל איהם טוט ער לוינען
און ער מיינט אז עס איז פאר איהם גוט
אלעס שטייט פון אויבן אנגעשריבן
דער הוט, דער שוך, וואס ער האט אויסגעקליבן
און אלעס וואס ער טוט, קען נאר ווערן גוט
נאר ווען עס קומט אן די מינוט

א שטרוי עס פאלט פון וואגען
א בלעטל פון בוים אויף דער ערד
דער ווינט טוט עס פארטראגען
און לייגט אוועק דארט וואו עס איז באשערט
און פונקט אין דער מינוט וואס עס דארף טויגן
און פונקט אויף וועלכען זייט עס דארף זיך לייגן
און קיין זאך איז נישט סתם, א צופאל מן הסתם
נאר יעדע זאך עס האט א טעם

**אני מאמין איך טוה גלויבן**
**אז דער באשעפער קוקט פון אויבן**
**און ער אליין טוט עס אנפירן**
**מיט אלעס וואס עס טוט פאסירן**
**און אכטונג גיט אויף יעדן איינעם**
**און פארזעהט ניט קיינמאל קיינעם**
**און מען דארף גלויבן שטארק אין דעם**
**און זיך פארלאזן נאר אויף איהם**

**צום הימל וואלט איך זיך געפלויגן**
**ווען איך וואלט פליגלען נאר פארמאגט**
**און פון שפיץ פון רעגן-בויגן**
**וואלט איך פאר דער וועלט געזאגט**
**ווער עס טוט באמת גלויבן**
**און ער דארף א הילף פון אויבן**
**דארף ער גארנישט טוהן צו דעם**
**און דער באשעפער העלפט גלייך איהם**

## ר' מענדל

ר' מענדל איז א איד א גרויסער תלמיד חכם
און א גרויסער בר דעת
ער האט א אשת חיל פוהל מיט שבחים
נאר שטענדיג איז זי אין כעס

ווען זי זעהט איהם איין הויבט זי אן צו טאנצן
און זי שרייט אויף איהם
און ר' מענדל הערט איהר אויס אינגאנצן
און ענטפערט נישט אויף דעם

איינמאל ווען ער האט
געקומען פון א ווייטער שטאט
האט זי גענומען אויף איהם שרייען באנדיט, גולם, אידיאט
ר' מענדל האלט נישט אויס
ער לויפט פון הויז ארויס
און צום הייליגן בית אהרן, ער לויפט אוועק אין הויז

דער בית אהרן האט שוין געווארט
די טיר האט ער אויפגעמאכט
מיר ווייסן זאגט ער מענדל וואס דו האסט דורכגעמאכט
נאר אויב דו האסט נישט מוהט
צו ליידן וואס זי טוהט
וועלן מיר זעהן אז אין דער מינוט, וועט זי שוין ווערן גוט

2

דורכגעלאפן וואכן גאר אן מורא
די פאר לעבט אן אנטיק
ר' מענדל פארט קיין קיעוו קויפן סחורה
אוןביינקט שוין אהיים צוריק

ער קויפט מתנות פאר איהר'ט וועגן
און ער לויפט צום טרעין
פלוצלינג קומט איהם אן א מענטש אנטקעגן
און לאזט איהם נישט גיין

און גיט איהם א כאפ
און גיט איהם א קלאפ
און שרייט איך האב געכאפט דעם מערדער, פון גרויסן האלד-אפ
און אויפן גרויסן סטריט
מען פיהרט איהם אינדערמיט
און מען שלאגט איהם, און מען יאגט איהם, און מען שרייט באנדיט

געקומען אין פאליס
דערציילט דארט ווער ער איז
דער פאליסמאן ער ווארפט איהם אום, און טרעט איהם מיט די פיס
עס איז באלד פינף יאהר
אז מען זוכט דיר נאר
יעדער איינער האט דיין בילד מען קאן דערקענען קלאר

3

מען האט גענומען זוכען אין זיינע פאפירען
דעם טעות האט מען דערזעהן
האט מען גענומען לויפען דורך די טירען
אויך דער פאליסמאן

א נייער פאליסמאן איז אריינגעקומען
און ער זאגט צו איהם שיין
א טעות איז מיין הער דא פארגעקומען
און איהר קענט שוין גיין

ר' מענדל גייט אוועק
פינסטער איז איהם די וועג
די קאפ צושלאגן, די בארד צוטראגן, פון די גרויסע שלעק געקומען קיין קארלין
דער פנים ווייס און גרין
און צום הייליגן בית אהרן, ער לויפט אוועק אהין

דער בית אהרן האט שוין געווארט
די טיר האט ער אויפגעמאכט
מיר ווייסן זאגט ער מענדל אלעס וואס דו האסט דורכגעמאכט
נאר זיי ניט אין כעס
און ענטפער מיר ווי א בר דעת
וואו איז בעסער ביי דיר אין הויז וואו קיינער זעהט נישט,
צי אין קיעוו אינמיטן דער גאס

**רכילות**

פערל זאגט, אינדרויסן טאגט, שמערל פארמאגט, האט בערל דערי‍אגט. שמערל געשוירן, די שערל פערלוירן, חי' געטראפן, האט שמעי' געשלאפן, האט ישעי' געלאפן, די סטאר געוועזן אפן. נישטא קיין קרים, צובראכן די סטים, האט דער חזן פארקילט די שטים. האט דער לויער גערעדט, ער זאל ליגן אין בעט, אויפן העט, פאר וועלכן חטא, א גאנצן סעט.,איז מיסטער גליק, מיט ראביי צוויק, געפארן אויפן בריק, איז געווארן א ליק, איז בען געפארן צוריק, א קאר אן אנטיק, צען דאלער א שטיק, האט פוילע שטיק. איז געשטאנען אין די בלעטער, אן אייגענע פעטער, א פאררעטער, געקומען שפעטער, א גרויסער לעטער, פון צוואנציג מעטער, קוקט ער, זעט ער, ס'איז דא א היתר. וויל די קהילות, האבן א רגילות, נישט צו באצאלן די בעלי תפילות, אט דאס איז רכילות!

**שיר המעלות**

**שיר המעלות אשרי כל ירא השם**
**ווער האט אלע מעלות און וואויל און גוט צו אים**
**דער איד וואס גלויבט אין בורא, און האט פאר אים מורא**
**און ער לערנט תורה, און די מצוות היט**
**שבת כהלכה, און טהרת המשפחה**
**און ער עסט פון השגחה, און צדקה פיל ער גיט**

ווי געשמאק דער לעבן פון איד וואס גלייבט אין דעם
אז די גאנצע וועלט איז צוליב איהם
ער זאל לערנען תורה, און די מצוות טאן
און אויבן גרייט מען פאר אים אלעס אן

א בוימעלע זאל בליען, א פייגעלע זאל פליען
עס זאל זיין וואַרים אדער זאל זיין קאלט
א טראפנדל פון רעגן, א בלעטל אויף די וועגן
אויבן ווערט באשטימט פאראויס, ווען און וואו עס פאלט

עס קומט אן דער פרימארגן, ער כאפט זיך אויף פון שלאף
ער האט נאר וואס געפיהלט דעם טעם פון סוף
ער לייגט זיך שפעטער שלאפן ער האט קיין מורא ניט
וויל ער האט א שומר וואס איהם היט

ער גייט די גאס אריבער, מען פארט אים נישט איבער
ער וואוינט צווישן חיות איינגעשטעלט
מיליאנען מענטשן לאכן, א עראפלאנען קראכן
אלץ איז מיט א חשבון פון דעם פירער פון דער וועלט

און אויך מיט פרנסה איז די זעלבע זאך
מ'לעבט מיט ווייניג, פונקט ווי מיט א סאך

דער אייבערשטער זאל געבן הצלחה אין די הענט
קאן די שפע רינען פון די הענט

עס טוט עפעס פאסירן, ער טוט זיך נישט פארלירן
דער אייבערשטער איז גערעכט מיט וואס ער טוט
עפעס איז געווארן, ערגעץ א חסרון
ער וועט עס פארריכטן און ס'וועט ווידער ווערן גוט

עס קומט דער שבת קודש הייליג ווערט די וועלט
און פסח ווי ביים קעניג אין געצעלט
שבועות מתן תורה מ'פליט אין הימל גלייך
ראש השנה ציטערט פיש אין טייך

יום כיפור די עבודה, עס פאַסט די גאנצע עדה
אין סוכה'לע די הארץ אזוי עס ציט
די הייליקע טעג סכנות, קאסט טויזנטער קרבנות
און פון א יום טוב האט נאך קיינמאל נישט געשאדט א איד

**שיר המעלות אשרי כל ירא השם**
**ווער האט אלע מעלות און וואויל און גוט צו אים**
**דער איד וואס גלויבט אין בורא, און האט פאר אים מורא**
**און ער היט די תורה, און קינדער גוט דערציט**
**שבת כהלכה, און טהרת המשפחה**
**און ער האט הצלחה, און דער באשעפער היט**

**שלאָפֿן קינדער**

שלאפן קינדער שלאפן, דער טאג איז שוין אנטלאפן.

אלע מענטשען גרויס און קליין, דארפן שלאפן גיין.

אויסגעטאן די קליידער, אויפגעלגט אין סֶדֶר.

אנגעטאן צום שלאפן גיין, אפגעוואשן ריין.

אויסגעצויגן, הענט אויף אויגן.

שְׁמַע יִשְׂרָאֵל – הַשֵּׁם אֶחָד, עס איז דא איין ג-ט.

אן אים איינעם, און נישט קיינעם.

די נְשָׁמָה אים מען גיבט, ער אליין זי היט.

שלאפן קינדער שלאפן, טאג איז שוין אנטלאפן.

נישט גערודערט נישט געווארט, א קוש א גוטע נאכט.

און דער פריינט דער לעצטער, איז דער פריינט דער בעסטער.

גיט א קוש א זיסן איר, דער מזוזה אויפן טיהר.

אויסגעצויגן, פארמאכט די אויגן.

ריין און ווארעם צוגעדעקט, נאר דער נעזל שטעקט.

גארנישט זאגן, ביז ס'וועט טאגן.

אן קיין מוֹרָא איז ניטא, הַשֵּׁם לִי וְלֹא אִירָא.